א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויחי

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### אמרו בלבבכם ועל משכבכם

אין מסכת ברכות (ח ב) ברענגט די גמרא וואס רבא האט באפוילן פאר זיינע קינדער, אינצווישן די זאכן האט ער זיי געזאגט: "...ואל תשבו על מיטת ארמית" [ד.מ. ענק זאלן נישט זיצן אויף א גוי'שע בעט]. ערקלערט די גמרא (לויט די ערשטע פשט) אז ער האט זיי מיט דעם אנגעזאגט אז זיי זאלן זיך נישט לייגן שלאפן אן צו ליינען פון פריער קריאת שמע, אז זייער בעט זאל נישט אויסקוקן ווי א גוי'שע בעט.

דער יסוד פון רבא'ס ווערטער איז שוין דערמאנט אין גמרא עטליכע בלעטער פריער (ד ב): "רבי יהושע בן לוי האט געזאגט: כאטש וואס דער מענטש ליינט קריאת שמע אין שוהל, דארף ער עס נאכאמאל ליינען פארן גיין שלאפן. און רבי יוסי זאגט אז עס איז מרומז אין די פסוק: "רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל מִשְׁכַּבְכֶם וְדֹמּוּ סֶלָה" (תהלים ד ה).

#### די טעמים פון קריאת שמע שעל המיטה

אסאך טעמים אויפן דרך הפשט און אויפן דרך הסוד טרעפן מיר אין חז"ל און אין די מפרשים איבער די מצוה פון ליינען קריאת שמע שעל המיטה און איבער איר מעלה, אין דעם קורצן בלעטל וועלן מיר נאר אראפ ברענגען עטליכע פון זיי:

א. אין גמרא (ברכות ה א) טרעפן מיר אז רבי יצחק האט געזאגט: "יעדער וואס ליינט קריאת שמע שעל המיטה, איז ער אזוי ווי ער כאפט אן א שווערד וואס איז אויסגעשארפט פון די צוויי זייטן", טייטש **רש"י** (ראה מהרש"א בח"א) אז מיט די שווערד קען ער פארלענדן די מזיקים וואס שטעלן זיך אוועק ארום אים. און אין סידור **השל"ה** (סוד ק"ש) ערקלערט עס לויט וואס עס שטייט אין זוהר, אז מיטן ליינען קריאת שמע איז מען ממליך דעם אויבערשטן אויבן, אונטן און אויף אלע פיר זייטן, און דורך דעם ווערט ווי א מויער ארום דעם מענטש וואס דאס פארמיידט די מזיקים זאלן נישט קענען צוקומען צו אים, אזוי ווי עס שטייט (דברים כח י): "וְרָאוּ... כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ".

ב. נאך א טעם שטייט אין **'סדר היום'** (סדר ק"ש על מיטתו) לויט וואס עס שטייט אין זוהר (ואתחנן דף רס א): אז שלאפן איז א זעכציג'סטל טייל פון די טויט, ווייל די נשמה גייט ארויס יעדע נאכט פון די קערפער און גייט ארויף אויבן (זעה ברכות נז ב), וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז דער מענטש זאל פריער מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים, כדי אז זיין נשמה זאל ארויף גיין אויבן נאכן מקבל זיין עול מלכות שמים.

ג. נאך א טעם שרייבן די ראשונים: ביינאכט ווען דער מענטש האט שוין נישט קיין טרדות, איז זיך דער יצר הרע מתגבר אויף אים גאר שטארק און קען אים צוברענגען ער זאל האבן געדאנקען פון כפירה און אויך שוואכקייט אין אמונה, וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז ער זאל מייחד זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען פארן שלאפן, און דורך דעם וועט ער ניצול ווערן פון די שלעכטע געדאנקען (מאירי וספר המכתם ברכות שם).

ד. **רבינו יהונתן מלוניל** (ברכות שם) שרייבט אז די טעם פון עס זאגן איז כדי אז דער מענטש זאל איינשלאפן אינמיטן לערנען דברי תורה, און מיט דעם וועט ער מקיים זיין די מצוה פון "וְדִבַּרְתָּ בָּם... וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ".

#### המלאך הגואל אותי

עס איז א אנגענומענער מנהג ביי גאנץ כלל ישראל אויך צוזאגן די פסוק וואס יעקב אבינו האט געבענטש מנשה מיט אפרים וואס איז דערמאנט אין אונזער פרשה (מח טז): "הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ".

דער מקור פון דער מנהג איז שוין דערמאנט אין די ראשונים (מנהגי מהר"ם ח"א קפט; רוקח הל' ברכות שמה), און אין **'מטה משה'** (ח"ג אות שצד) שרייבט ער אז לויטן זוהר (ויחי דף רל א) מיטן דערמאנען די פסוק בעהטן מיר אז דער מלאך וואס באגלייט שטענדיג דעם מענטש, זאל אים אויך אפהיטן ביינאכט און אים ראטעווען פון די מזיקים.

אין ספר **'שבט מוסר'** (פל"א) שטייט אז מ'דארף אכטונג געבן עס צו זאגן מיט די קליינע קינדער יעדע נאכט, און דער גאון **רבי חנוך ערנטרוי** דער רב פון מינכן זאגט, אז ווען מיר זאגן דעם פסוק מיט אונזערע קינדער, איז עס ווי א תפילה און א האפענונג אז אויך אונזערע קינדער זאלן גיין אויף די וועג פון אברהם יצחק און יעקב.

דאס איז געווען די כוונה פון די בקשה פון יעקב אבינו ע"ה ווען ער האט געבעהטן 'ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק', און דאס איז דער שטארקער רצון וואס מיר האבן ווען מיר זאגן עס בשעת'ן ליינען מיט געפיהל צוזאמען מיט אונזערע קינדער ('קמץ המנחה' ויחי).

#### שלאפן אינעם אויבערשטנ'ס ארעם

אויב מיר וועלן זיך צוריק קערן צו די ווערטער פון רבא צו זיינע קינדער וועלן מיר באמערקן, אז דער צווישנשייד פון שלאפן ווי א איד צו שלאפן ווי א גוי, איז אנגעהאנגען נאר אין קליינינקייט, אין משקיע זיין געציילטע מינוטן כדי צו ליינען קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין מיט די ריכטיגע קבלת עול שמים.

מער פון דעם, מ'קען זאגן אז יעדער מענטש שלאפט דורשניטליך צום ווייניגסטנ'ס א פערטל פון זיין לעבן, און לויט ווי מיר האבן פריער דערמאנט קומט אויס אז אויב ער נישט נזהר צו ליינען קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, איז א פערטל פון זיין לעבן האט ער געלעבט ווי א גוי, אבער פון די אנדערע זייט אויב ער גיט אכטונג אויף דעם - ווי גרויס איז זיין מדריגה, אז עס זעהט אויס ווי ער וואלט איינגעדרימלט אינעם אויבערשטנ'ס ארעם, מיט א געוואלדיגע דביקות מיט געדאנקען פון יחוד ה' (מתוך דרשתו של הגאון רבי שמשון פינקוס זצ"ל, הובאה בפתיחת ספר 'ברכת איתן').

אויף מרן הגרי"ז **מבריסק** ווערט דערציילט, אז אין די צייט פון די צווייטע וועלט'ס מלחמה, ווען ער איז אנטלאפן פון בריסק און האט זיך אויפגעהאלטן אין ווארשא, האט זיך פלוצלינג אנגעהויבן די 'בליץ קריג' וואס די דייטשן האבן באמבאדירט די שטאט ווארשא און אסאך הייזער זענען אינגאנצן חרוב געווארן.

די גרודער פון די באמבאדירן און פון די הייזער וואס זענען צוזאם געפאלן האט זיך גוט געהערט אויך די הויז פון די פאמיליע טאנצמן וואו דארט איז איינגעשטאנען רבי יצחק זאב און זיין הויזגעזונד. די שרעק איז געווען נישט צום אויסצוהאלטן, און ווען עס איז געווארן נאכט האט קיינער נישט געטראכט פון צו גיין שלאפן. אלע האבן זיך ארום געדרייט אנגעצויגן און פאר'דאגה'עט, נאר דער בריסקער רב האט זיך געגרייט צום שלאפן ווי יעדע נאכט, ווי דער גאנצע גרודער באריהרט אים נישט.

איינער פון זיינע נאנטע האט אים געפרעגט מיט וואונדער: די וועלט זאגט דאך אז דער בריסקער רב איז אלס זיין נאטור א פחדן, איז וויאזוי יעצט גייט ער זיך צולייגן אן קיין שום זארג.

האט אים דער בריסקער רב געענטפערט: פארוואס איז עס דיר נישט שווער געווען אין די פריערדיגע נעכט, ווען דו האסט געליינט קריאת שמע און געזאגט די פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט ווען ער איז אנטלאפן פון זיין זוהן אבשלום (תהלים ג ב-ג;ו): "ה' מָה רַבּוּ צָרָי... וְאַתָּה ה' מָגֵן בַּעֲדִי... אֲנִי שָׁכַבְתִּי וָאִישָׁנָה הֱקִיצוֹתִי כִּי ה' יִסְמְכֵנִי" - וויאזוי האט דוד זיך געקענט לייגן מיט א רוהיגקייט ווען ער שטייט פאר אזא שרעקעדיגע צרה?

נאר, מיר לערנען פון דעם א וויכטיגער יסוד: אויפן מענטש ליגט א חוב צו טוהן לויט זיינע מעגליכקייטן כדי זיך ארויס דרייען פון זיין ענגשאפט, אבער נאך וואס ער האט שוין אויספראבירט אלע זיינע כוחות, ליגט אויף אים א חוב צו מקבל זיין אויף זיך דעם אויבערשטנ'ס קעניגרייך און זיך פארלאזן אויף זיינע חסדים, אין א בחינה פון "אני שכבתי ואישנה... כי ה' יסמכני" ('ברכת איתן' בעובדות שבסוף הספר).

#### אננעמען דעם אויבערשטנ'ס הנהגה מיט אמונה

"יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה" (מח כ)

די ראשי תיבות 'אפרים מנשה' איז 'אמן', און עס איז באקאנט אז אפרים איז א רמז אויף מידת החסד און מנשה אויף מידת הדין, פון דא קענען מיר זיך לערנען אז סיי ווען דער אויבישטער פירט זיך מיט אונז מיט מידת החסד און סיי מיט מידת הדין, שטענדיג דארפן מיר מאמין זיין און אננעמען די הנהגה פון השי"ת.

ע"פ 'פני מנחם' ויחי תשנ"ו; רמ"ד וואלי מח טו


## "הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים" (בראשית מח טז)

דרש הצדיק רבי יעקב אבוחצירא, בעל 'אביר יעקב' (נפטר בכ' בטבת תר"מ):

**'מלאך' בגימטרייה 'אמן'**, ללמדנו כי עניית אמן כהלכתה גורמת לשמירה, הגנה והצלה מכל רע - בעולם הזה ובעולם הבא, ככתוב: "חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם" (תהלים לד ח).

'אלף בינה' תהלים לד

**אמ"ן ר"ת אחד מלאך נברא**



# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## ׳תעלא בעידניה׳ אין עבודת ה׳

"וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה" (מז לא)

ווי אזוי קען זיין אז יעקב האט זיך געבוקט צו זיין זוהן? ערקלערט רש"י: "תעלא בעידניה סגיד ליה", ד.מ. א פוקס אין זיין צייט - וואס ער איז דער קעניג - זאלסטו זיך בוקן אים.

גאר א שטארקע דערהער קען מען זיך אפלערנען פון דעם, שרייבט הגאון **רבי משה שטערנבוך** שליט"א: אמאל שפירט א מענטש וואו ער באקומט פון הימל א געוויסע ליכטיגקייט און א געפיהל פון התעוררות צו עבודת ה׳, דארף ער צו וויסן אז דעמאלטס איז ער אין א בחי׳ פון ׳תעלא בעידניה׳ - פון הימל האט מען אים צוגעשיקט דעם עת רצון און ער טאר נישט אדורך לאזן דעם געלעגנהייט עס זאל אוועק גיין מיט גארנישט.

׳טעם ודעת׳

## ׳לא פללתי׳ - איך האב נישט געדאוונט

"וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ" (מח יא)

ערקלערט דער ׳חזקוני׳: ׳פללתי׳ איז א לשון תפילה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קו ל): "וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל", און דאס האט יעקב אבינו ע"ה געזאגט: ווי גרויס זענען דעם אויבערשטנ׳ס חסדים מיט מיר, איך האב געזאגט "טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף" (בראשית לז לג), און וועגן דעם האב איך נישט געדאוונט אז איך זאל קענען דיך זוכה זיין צו זעהן, און אט האט מיר דער אויבערשטער געוויזן אויך דיינע קינדער!

און אזוי איז געווען געוואוינט דער באקאנטער מגיד **רבי יעקב גאלינסקי** צו זאגן יעדעס מאל וואס ער האט זוכה געווען זיך צו פרייען ביי א שמחה פון זיינע אייניקלעך:

׳ווען איך בין געווען צווישן לעבן און טויט אינעם שרעקליכן קעלט וואס האט געהערשט אין סיביר, האב איך גארנישט געבעהטן, נאר אז איך וויל זוכה זיין אנצוקומען צו קבר ישראל, און יעצט האב איך זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט מיט מיר געטוהן א חסד און מיר געהאלפן ארויף גיין קיין ארץ ישראל און אויפשטעלן א שיינעם דור פון בנים ובני בנים עוסקים בתורה. אויף דעם איז דאך מרמז דער פסוק (תהלים כב ב): "רָחוֹק מִישׁוּעָתִי דִּבְרֵי שַׁאֲגָתִי", מיין ישועה איז געווען ווייט פון מיין בקשה - איך האב געבעהטן ווייניג און איך האב באקומען אסאך׳.

## ׳מן׳ וואס קומט יעדן טאג

"הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה" (מח טו)

אונקלוס טייטש: ׳הרועה אותי - וואס שפייזט מיר׳.

האט געזאגט **דער אלטער פון קעלם**: ווער האט דען א פארשטאפטע הארץ און וועט נישט טרייסלען פון די ווערטער: יעקב אבינו ע"ה איז געקומען פון ארץ כנען וואו דארט הערשט א הונגער מיטן פולן שטארקייט קיין ארץ מצרים וואו דארט איז די גאנצע תבואה אונטער דאס הערשאפט פון זיין זוהן דער משנה למלך, און ער רופט אויס אז דער אויבערשטער וואס האט אים אייביג געשפייזט ער שפייזט אים אויך יעצט.

און באמת, דער וואס טראכט אריין אין דעם נוסח פון בענטשן וועט באלד באמערקן אז מיר זאגן אויף דעם עדות אין אנהויב די ערשטע ברכה: ׳הזן את העולם כולו בחן בחסד וברחמים׳ - פארוואס זענען מיר איבערראשט פון די מן וואס איז אראפ געקומען פון הימל אין מדבר, און מיר ווערן נישט איבערראשט פון די מן וואס קומט צו אונז יעדן טאג?!

׳אור רש"ז׳ בשלח מאמר רמד

אמאל איז געקומען א בעל עגלה צום חפץ חיים און האט אנגעהויבן צו וויינען ביטערליך ביז ער האט זיך אינגאנצן פארלוירן. דער חפץ חיים האט אים בארוהיגט און געפרעגט: וואס האט פאסירט? האט יענער געענטפערט: ווי ביטער איז מיין מזל, איך בין א בעל עגלה, און פון דעם האב איך פרנסה, מיין וואגן איז געווען איינגעשפאנט צו צוויי פערד און פלוצלינג זענען זיי ביידע געשטארבן, און יעצט גיי איך שטארבן פון הונגער...!

ווען דער חפץ חיים האט געהערט זיינע ווערטער האט ער אים מוסר געזאגט: "מיינסטו דען אז די פערד געבן דיר פרנסה?! דו זאגסט דאך יעדן טאג ביים בענטשן אז דער אויבערשטער ער שפייזט אלעמען, און יעצט זאגסטו אנדערשט!

ווען יענער איז ארויס האט דער חפץ חיים צוגעלייגט: עס איז פשוט אז אויב דער מענטש ווייסט אז דער באשעפער שפייזט אלעמען, ווערט ער נישט שנעל דערשראקן, ווייל דער בורא איז דאך אויף אייביג. אבער אויב מיינט ער אז די פערד געבן אים דאס עסן, איז קלאר און פארשטענדליך פארוואס פארלירט ער זיך ווען זיי שטארבן אים אפ.

׳חפץ חיים החדש׳

## נישט זארגן דעם מארגנ׳דיגן זארג

"וַיְבָרְכֵם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמוֹר" (מח כ)

דער צדיק רבי משה ליב סאסובער האט געזאגט: יעקב אבינו האט זיי געבענטש "**ביום ההוא** לאמור", ד.מ., אז קיינמאל זאלן זיי נישט זארגן דעם מארגנ׳דיגן זארג, נאר שטענדיג זאלסטו דאווענען נאר אויף די געברויכן פון דעם טאג.

׳משנת הרמ"ל׳

## יעדע תפילה דערגרייכט

"אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי" (מח כב)

די ווערטער "בחרבי ובקשתי" טייטש אונקלוס: "בצלותי ובעותי", ד.מ. מיט מיין תפילה און מיין געבעהט.

האט אויסגעשמועסט **רבי שמשון פינקוס זצ"ל**:

נישט אומזינסט האט די תורה צוגעגלעכענט דאס דאווענען צו געווער; אזוי ווי מיט געווער שיסט מען און עס דערגרייכט צו איר ציל, אזוי אויך ביי תפילה - מ׳דאוונט און מ׳ווערט געהאלפן אויך אויב מ׳איז נישט ראוי צו דעם.

אזוי איז אויך געווען די מהלך החיים וואס האט געהערשט אין די שטוב פון הרב פינקוס זצ"ל, אזוי ווי מ׳דערציילט אז איינמאל האט איינער פון די קינדער זיך גענויטיגט אין א געוויסע הילף, האט אים זיין מאמע די רעביצין פינקוס ע"ה געזאגט: ׳בעהט פון טאטי זאל דאווענען אויף דיר, ווייל איך האב קיינמאל נישט געזעהן אפילו איין תפילה וואס טאטי האט געדאוונט און ער איז נישט געהאלפן געווארן!׳

׳פניני אוצרות הפרשה׳

## ווארטן אויפן אויבערשטנ׳ס הילף

"לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ה׳" (מט יח)

האט געטייטש **רבי חיים אנטניער**: די עיקר פון אונזערע בקשות איז אויף די צער השכינה וואס האט צער פון די ווייטאג פון די אידן, וועגן דעם זאגן מיר ׳**לישועתך** קויתי ה׳" (ראה מגילה כט א).

׳טל חיים׳

## נפתלי איז געווען דער שליח ציבור

"נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה הַנֹּתֵן אִמְרֵי שָׁפֶר" (מט כא)

"די אינד איז די ערליכ׳סטע פון די חיות, און ווען די חיות זענען דארשטיג נאך וואסער נעמען זיי זיך צוזאם צו די אינד... און זי בעהט צום אויבערשטן און השי"ת עפענט פאר איר די תהום [וואסער-אפגרינד], און די וואסער קומען ארויף פאר איר, און דאס איז די כוונה פון (תהילים מב ב): "כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם" (ילק"ש תהלים רמז תשמא).

לויט דעם מדרש קען זאגן, אז וועגן דעם רופט מען אן נפתלי "אילה שלוחה", ווייל אזוי ווי די אנדערע חיות שיקן דעם אינד זי זאל דאווענען פאר זיי, אזוי האט אויך נפתלי געדאוונט פאר אנדערע ווען זיי האבן זיך גענויטיגט אין א ישועה. און פארוואס האט מען פונקט אים אויסדערוועלט, ווייל ער איז "הנותן אמרי שפר" - זיינע ווערטער און זיינע תפילות זענען געווען שיין אין השי"ת׳ס אויגן וועגן זיינע מעשים טובים.

׳ילקוט הגרשוני׳

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די קריאת שמע וואס האט באשטימט

די תקופה פון די ׳קאנטאניסטן׳ איז מיט אויפגעשריבן בלוט אין די אידישע היסטאריע, אלץ א צייט וואס פון כלל ישראל זענען אוועקגעריסן געווארן טויזנטער היליגע און ריינע נשמות וואס זענען פארברענט געווארן אין די רוסישע קאלעך אויבן.

מער פון וואס די מיליטער האט זיך גענויטיגט אין סאלדאטן, האבן זייערע פירערשאפט געוואלט ערציעהן די פאלק פון דאסניי. אויפן וועגן צו דעם ציל האבן זיי זיך נישט צוריק געהאלטן פון קיין שום מיטל, און אויך פון דאס מערסטע אכזריות׳דיג וואס מ׳קען טראכטן.

אזוי איז געווארן דאס אומגלויבליכן מצב, ווען יונגע קינדער ווערן פלוצלינג אינמיטן די נאכט אוועק געריסן פון זייערע מאמעס, זיי ווערן געשלעפט מיט א הארטקייט צו די וועגענער און קוים קענען זיי זיך געזעגענען פון זייערע מאמעס בעפאר זיי ווערן פארשווינדן אויף אייביג אין די גרויסע רוסלאנד.

אין איינס פון די פארשטויסענע שטעטלעך וואס זענען געווען אסאך פון זיי אין די לאנד רוסלאנד, האבן געוואוינט אין יענע צייט א חשוב׳ע אלמנה מיט איר זוהן דער קליינטשיגער הערשעלע, וואס די לעבן פון איר מאן - זיין טאטע - איז פארשניטן געווארן אין א העלן טאג דורך די בלוט דארשטיגע קאזאקן.

די שוועריקייטן אין פרנסה וואס רוב איינוואוינער האבן דעמאלטס געהאט, האט זיך זיכער דערקענט אויך אין די הויז פון די אלמנה און איר זוהן. זייער שווער איז איר אנגעקומען זיך צו קענען שפייזן. אבער איר גרויסע ווייטאג איז געווען אז זי האט נישט גענוג געלט צו קענען שיקן איר הערשעלע צו א מלמד ער זאל אים אויסלערנען תורה.

נישט האבנדיג קיין אנדערע וועג האט זי פראבירט מיט אירע אייגענע כוחות אנפילן זיינע רוחניות׳דיגע אוצרות מיט די ביסל וויסנשאפט וואס זי האט פארמאגט, אביסל תפילות, עטליכע מדרשים וואס זי האט געדענקט פון די יונגע יארן, און דער עיקר איז געווען די מצוה פון קריאת שמע.

יעדע נאכט איז די מאמע געזיצן נעבן די בעהט פון איר זוהן און געליינט מיט אים די קאפיטלעך פון קריאת שמע. די הייליגע ווערטער האט זי ארויס געזאגט מיט געפיהל און טעם, און הערשעלע האט עס איינגעשלינגען מיט דארשט. ווען ער איז אביסל גרעסער געווארן האט ער זיך אויסגעלערנט איבער צוזאגן די הייליגע קאפיטלעך, און אזוי איז ער איינגעשלאפן יעדע נאכט, ווען די הייליגע ווערטער זענען אויף זיינע ליפן.

אזוי האבן אויסגעזעהן די נעכט אין דעם קליינעם הייזקע, און אזוי האט עס אויך אויסגעזעהן אין יענעם שרעקעדיגן נאכט. אויך אין די נאכט איז הערשעלע איינגעשלאפן ווען די ווערטער פון קריאת שמע זענען אויף זיינע ליפן, אבער זיין שלאף האט נישט געדויערט אסאך צייט.

עטליכע מינוט נאך וואס ער איז איינגעשלאפן זענען אריין די סאלדאטן פונעם צאר צו איר אין הויז, די מאמע האט אנגעהויבן צו שרייען, אבער זי האט נישט געהאט קיין שום שאנס. זי האט אויך פראבירט צו רעדן צו זייערע הערצער, אבער זייערע אויערן זענען געווען פארשטאפט פון צו הערן. זיי האבן באקומען א באפעל און זיי האבן נישט געקלערט אויף איין מינוט עס נישט אויספירן.

זיי זענען נישט איבערגענומען געווארן פון די ביטערע געשרייען פון די מאמע, און אויך נישט פון די געוויין פונעם דערשראקענעם קינד, מיט זייערע פארגרעבטע הענט האבן זיי אים געשלעפט צו די וואגן וואס האט געווארט אויף זיי אינדרויסן. א מינוט פאר ווען די טיר פון די וואגן האט זיך פארקלאפט אקעגן אירע אויגן, האט זי זיך געכאפט און געשריגן מיט איר הייזעריגע שטימע: ׳הערשעלע, בלייב א איד!׳ אין יענע מינוטן האט ער עס נישט פארשטאנען, אבער די קלאנג פון די הייליגע רוף וועלן אים באגלייטן אין לויף פון די קומענדיגע צעהנדליגע יארן, און אין ענדע אויך צוריק ברענגען צו זיין הייליגן אפשטאם.

אסאך שעה׳ן איז געפארן די וואגן, ווען הערשעלע הערט נישט אויף איין מינוט פון זיין געוויין. אין ענדע האט זיך די וואגן איינגעדרייט צו איינע פון די ווייטע דערפער, דארט נעבן די הויז פון א פראסטער רוסישער פויער האט זי זיך אפגעשטעלט.

הערשעלע איז אראפ גענומען געווארן פונעם וואגן מיט כח און איז איבער געגעבן געווארן צו א פראסטער פויער וואס האט געהייסן וואסילי, ווען ער זאגט צו פארן אפיציר אז ער קען זיך פארלאזן אויף אים מיט פארמאכטע אויגן - פון זיין שטוב וועט נישט ארויסגיין דער קינד בעפאר ער וועט ערצויגן ווערן צו ארבעט, פלאג און שווייס, ווי עס פאסט פאר א סאלדאט אינעם צאר׳ישן מיליטער.

אנגעהויבן פון יענע מינוט איז הערשעלעס גורל געווען אנגעהאנגען, אויף שלעכט צי אויף גוט, אין די הענט פון וואסילי וואס האט נישט ארויסגעוויזן א טראפ רחמנות צו דעם אומגליקליכן קינד, ער האט געהייסן ארבעטן אלע סארט שווערע ארבעט, אז ביז עטליכע יאר איז פון א איידעלער יונגל געווארן א שטארקער און א געבויטער יונג.

זיין שפראך איז שוין געווען פונקט ווי די שפראך פון די אנדערע ׳שקצים׳ ארום אים, אבער מיט איין זאך איז ער געווען אנדערשט פון זיי - יעדע נאכט פארן גיין שלאפן האט הערשעלע איבערגעזאגט די הייליגע ווערטער פון קריאת שמע, ער האט נישט פארשטאנען קיין ווארט, אבער ער האט אלעס גוט געזאגט.

עטליכע יארן זענען אדורך, הערשעלע וואס זיין נאמען איז שוין געווען פיוטער, איז געווארן א בחור שטארק ווי א טעגענבוים, די שווערע ארבעט׳ס יארן האבן אים געבויעט און געשטארקט און עס איז אנגעקומען די צייט וואס מ׳האט אים געדארפט שיקן צום צאר׳ישן מיליטער.

אין א העלן אינדערפריה האט ער זיך געטראפן פארן אין א וואגן צו די גרויסע שטאט פעטערבורג, דארטן האט מען אים שוין אפגעווארט מיט מיליטערישע קליידער, און פון יענע מינוט איז ער געווארן א געוועגליכער סאלדאט.

פון דארט איז ער געשיקט געווארן מיט נאך א גרופע צוקלאפטע בחורים וואו ער צו א פארשטויסענע מיליטערישע לאגער, דארט האט זיך אנגעהויבן א נייער טייל אין זיין שווערע לעבן. זיין אויפפירונג איז געווען ווייט פון אידשקייט, אבער איין מצוה האט ער א גאנצע צייט איינגעהאלטן מיט זיין גאנצן כח. די מצוה פון קריאת שמע שעל המיטה.

אסאך יארן זענען דורך געלאפן פון דעמאלטס. זייענדיג אין עלטער פון פערציג יאר איז הערשעלע געווארן א לאסט אויפן מיליטער, און אין העלן טאג האט מען אים באפרייט, אן די מינימאלישע וויסנשאפט און אן קיין שום האפענונג צו קענען פון יעצט לעבן א נארמאלע לעבן. מיט זיינע שוואכע פוס האט ער זיך געשלעפט, און ווען ער איז אנגעקומען צום ערשטן שטעטל וואס ער האט געטראפן אינמיטן וועג, האבן אים זיינע פוס ווי פון זיך אליינס געצויגן אין שוהל.

דעמאלטס האט מען אנגעהויבן אין שוהל צו דאווענען מעריב. הערשעלע - פיוטער האט אנגעקוקט די מענטשן ארום אן צו פארשטיין, אבער ווען דער עולם האט אנגעהויבן צו ליינען קריאת שמע, האט זיך פלוצלינג אויפגעוועקט אין אים זיין אידישן פינק וואס איז געווען באהאלטן אין די טיפענישן פון זיין נשמה.

פון זיין מויל איז ארויס א געשריי: ׳שמע ישראל, שמע ישראל, שמע ישראל!!!׳ ווען נאכדעם איז ער געפאלן מאכטלאז.

עטליכע מענטשן זענען צוגעלאפן צו אים און אים געהאלפן אויפשטיין, זיי האבן אים אוועקגעזעצט נעבן דעם אויוון און זיי האבן אים געוואלט מאכן רעדנדיג. אסאך האט ער נישט געוואוסט צו דערציילן.

זיין געשריי האט נאך געקלינגען אין זייערע אויערן, און זיי האבן באשלאסן זיך אפגעבן מיט אים ווי ווייט מעגליך.

אין די קומענדיגע טעג האבן זיי אים אנגעהויבן אויסלערנען צוביסלעך אזוי ווי מ׳לערנט אויס א קליין קינד, אותיות, ווערטער, תפילות און הלכות, חומש און משניות. הערשעלע האט אלעס איינגעשלינגען מיט דארשט, און ער האט זיך אויפגעוויזן ווי איינער וואס פארגעסט נישט גארנישט.

עטליכע יארן נאכדעם איז ער שוין געווען פון די וואס זיצן ביים מזרח וואנט פונעם בית המדרש, און פון דארט איז שוין געווען קורץ די וועג ביז ער איז געווארן א אמת׳דיגער תלמיד חכם.

׳אמרי משה׳ עמ׳ רכו

ציצובים shay